Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

Najer Folksblat

פרייז 20 גראשען

היינט 8 זייטען!

# נייער פאלקסבלאט

אומפארטייאישע פאליטיש-געזעלשאפטליכע טאג-צייטונג

Nr. 225 (917 | Łódź, Poniedziałek 4 Października 1926 | פירטער יאהרגאנג | לאדז, מאנטאג כו תשרי תרפ"ז. | Nr. 225 (917

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 24-71 || Adres redakcji i administracji: Łódź, Piotrkowska 21. Tel. 24-71

# ערשטע זיצונג פון נייעם מיניסטארען-ראט.

# היינט ווערט דעצידירט די פראגע וועגען א שטרייק אין לאדז.

## וואהלען צום לאדזער שטאדט-ראט נאך נישט געפסל'ט.

מיר האבען נעכטען געבראנגט די ידיעה, אז אין לאדז האבען זיך פער-שפרייט קלאנגען, דאס דער העכסטער אדמיניסטראטיווער טריבונאל האט גע-פסל'ט די וואהלען צום לאדזער שטאדט-ראט. מיר האבען די דאזיגע ידיעה גע-שטעלט אונטער א פראגע-צייכען, ווייל מיר האבען פון קיין אפיציעלער שטעל נישט בעקומען אויף איהר קיין בע-שטעטיגונג.

נעכטען האבען מיר זיך טעלעפאניש געווענדעט צום אדוואקאט ברייטער אין ווארשא, וועלכער פיהרט דעם דא-זיגען פראצעס וועגען די לאדזער שטאדט-ראט-וואהלען. און ווי ה' ברייטער האט אונז אינפארמירט, איז די ידיעה פריהצייטיג, ווייל דער אורטייל פון העכסטען אדמיניסטראטיווען טריבו-נאל איז נאך נישט ארויסגעטראגען געווארען.

## גענעראל מאלטשעווסקי ווערט אונטערזוכט דורך פסיכיאטרען.

ווארשא, 3 (טעלעפאניש פון אונ-זער קארעספאנדענט) אין ווארשאווער מיליטער-געריכט איז ארויסגערופען גע-ווארען דער געוועזענער קריגס-מיניס-טער פון וויטאס'עס רעגירונג, גענעראל מאלטשעווסקי, וועלכער איז אונטער-זוכט געווארען דורך דאקטוירים פסיכי-אטרען.

די דאקטוירים וועלען ערשט פעסט-שטעלען דעם דיאגנאז אין 10–12 טעג ארום.

## פארוואס זענען יוד. זעלנער נישט בעפרייט גע-ווארען אויף יו"ט?

אינטערפעלאציע פון דעפ. פארבשטיין

ווארשא, 3 (טעלעפאניש פון אונ-זער קארעספאנדענט) צוליב דעם, וואס פיל יודישע זעלנער זענען אויף די צווייטע טעג יום-טוב נישט בעפרייט געווארען, האט דעפ. פארבשטיין איינ-געטראגען אן אינטערפעלאציע צום קריגס-מיניסטער.

## ערשטע זיצונג פון מיניסטארען-ראט

ווארשא, 3 (טעלעפאניש פון אונזער סיים-קארעספאנדענט) היינט 5 נאכמיטאג איז אונטערן פארזיץ פון פרעמיער מארשאל יוזעף פילסודסקי פארגעקומען די ערשטע זיצונג פון מיניסטארען-ראט.

די זיצונג האט געדויערט ביז 8 אין אווענד. ס'זענען ארומגערעדט גע-ווארען פראגען וועגען דורכפיהרען א רייה בעשלוסען, וועלכע זענען אנגענומען געווארען דורכ'ן פריהערדיגען קאבינעט פון פראפ. בארטעל.

## וועט זיין א שטרייק אין דער לאדזער טעקסטיל-אינדוסטריע?

היינט דארף דעצידירט ווערען די פראגע, צי די טעקסטיל אינדוסטריע-לער וועלען דערלאזען, אז ס'זאל אויסברעכען א שטרייק אין דער לאדזער טעקסטיל-אינדוסטריע.

די ארבייטער גרייטען זיך ענערגיש צו דער אקציע.

(פרטים – זעה 4-טע זייט)

## „נחלת יעקב" און „נחלת יוסף".

### אנקלאגעס צום ציוניסטישען צ.כ.

ווארשא, 3. (טעלעפאניש פון אונ-זער קארעספאנדענט) היינט האבען זיך צום צ. ק. פון דער ציוניסטישער אר-גאניזאציע אין פוילען געווענדעט איי-ניגע צעהנדליג מיטגלידער פון די גע-זעלשאפטען „נחלת יעקב" און „נחלת יוסף".

די דעלעגאציע האט זיך בעקלאגט אויף די צרות. וועלכע זענען געגען זיי בעגאנגען געווארען אנגעווייזען אויף די הזיקות, וואס זיי האבען.

דער צ. ק. האט דער דעלעגאציע געענטפערט, אז מ'מוז נאך אפווארטען א געוויסע צייט.

## אויטארען-קאנפערענץ היין קראקע און זאקאפאנע.

ווארשא, 3 (טעלעפאניש פון אונ-זער קארעספאנדענט) די אנטיילנעהמער פון דער אינטערנאציאנאלער אויטארען-קאנפערענץ אין ווארשא זענען ארויס-געפאהרען אויף אן אויספלוג קיין קרא-קא און זאקאפאנע.

## האנדווערקער מעגען זיך אריינציהען עלעקטרי אהן דער ערלויבניש פון ווירט.

ווארשא, 3 (טעלעפאניש פון אונ-זער קארעספאנדענט) אויף א קאטאציע, וואס ס'האט אריינגעטראגען אין העכ-סטען געריכט דער דעפ. אדוו. הארט-גלאס, האט דאס העכסטע געריכט ארויס-געטראגען אן אורטייל, לויט וועלכען האנדווערקער מעגען זיך אריינציהען עלעקטריע אין זייערע ווארשטאטען אהן דער ערלויבניש פון ווירט.

## רוסלאנד שטרעבט צו אן אויסלענדישער הלואה,

### כדי צו קענען קויפען אין ענגלאנד.

לאנדאן, 3 (ספ. טעל.) אין א גע-שפרעך מיט ענגלישע זשורנאליסטען האט קראסין ערקלערט, אז דער הויפט-ציל פון דער סאוויעטישער אויסערן-פאליטיק איז איצט צו בעקומען אן אויסלענדישע הלואה, כדי צו קענען מאכען גרעסערע קניות אין ענגלאנד.

## פאלקאוויניק וועדזשוואוד בעזוכט ארץ-ישראל.

ירושלים. (י. ט. א.) דער מיטגליד פון ענגלישען פארלאמענט פאלקאווניק וועדזשוואוד, וועלכער איז בשעת דער רעגירונג פון דער לייבור פארטיי גע-ווען קאנצלער פון דער גראפשאפט לאנ-קאסטער, קומט סוף אקטאבער קיין ארץ-ישראל אין דער בעגלייטונג פון זיין פרוי און איינעגע מיטגלידער פון דער אונאפהענגיגער ארבייטער פארטיי. פאלקאווניק וועדזשוואוד האט בדעה אויסצופארשען די ענטוויקלונג פון דער יודישער אויפבוי-ארבייט אין א"י.

## העברעאישער קולטור-צוזא-מענפאהר אין ליטע.

קאוונע. (י.ט.א.) דא איז פארגעקו-מען די ערעפענונג פון קאנגרעס פאר העברעאישע קולטור און ערציהונג אין ליטע. דער ליטווישער מיניסטער פון פאלקס-בילדונג און רעליגיעזע ענינים האט אין ווארעמע ווערטער בעגריסט דעם צוזאמענפאהר אין נאמען פון דער רעגירונג.

מארגען

הויבט זיך אן צו דרוקען אין
„נייעם פאלקסבלאט"

דער נייער

ראמאן

געדענקט: אין מארגענדיגען נומער!

## דער רוסיש-ליטווישער טראקטאט איז געגען פוילען?

### „טאסס" לייקענט-אפ.

קאוונע. 3. (ספ. טעל.) די ליטווישע אפיציעלע צייטונגען שרייבען-אונטער, אז דער הויפט-פונקט פון דעם גאר-וואס געשלאסענעם רוסיש-פוילישען טראקטאט איז אז סאוויעט-רוסלאנד אנערקענט די ליטווישע רעכט אויף ווילנא.

די סאוויעטישע טעלעגראפען-אגענטור „טאסס" לייקענט-אפ די ידיעות, אז איג'ם רוסיש-ליטווישען „טראקטאט זאלען זיין וואסער-פ'איז אגרעסיווע פלענער געגען פוילען.

בערלין. (א. ט. ע.) „ראטע פאהנע" טיילט-מיט, אז דער ליטווישער אמבא-סאדאר אין פאריז זאל זיך האבען אויס-געדריקט, אז די בעציהונג פון ליטע צו פוילען האט זיך בעדייטענד פערערגערט זייט מארשאל פילסודסקי האט איבער-גענומען די מאכט אין פוילען.

